# פריוואטקייט מעלדונג

**דער מעלדונג שילדערט ווי אזוי מעדיצינישע אינפארמאציע איבער אייך קען ווערן גענוצט און אנטפלעקט און ווי אזוי איר קענט באקומען צוטריט צו די אינפארמאציע. ליינט עס דורך פארזיכטיג.**

**די ניו יארק Medicaid פראגראם מוז אייך זאגן וויאזוי מיר נוצן, טיילן מיט, און באשיצן אייער העלט אינפארמאציע. די ניו יארק Medicaid פראגראם נעמט אריין אין זיך געווענליכע Medicaid און Medicaid Managed Care. די פראגראם ווערט געפירט דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט (New York State Department of Health) און די לאקאלע סאושעל סערוויסעס דעפארטמענטס (Local Departments of Social Services).**

## אייער העלט אינפארמאציע איז פריוואט.

מיר זענען געפאדערט צו האלטן אייער אינפארמאציע פריוואט, בלויז מיטטיילן אייער אינפארמאציע ווען מוז מוזן, און אויספאלגן אלע פריוואטקייט פירונגען אין דעם מעלדונג. מיר מוזן מאכן ספעציעלע באמיאונגען צו באשיצן די נעמען פון מענטשן וועלכע באקומען HIV/AIDS אדער דראג און אלקאהאל סערוויסעס.

## וועלכע העלט אינפארמאציע פארמאגט די ניו יארק Medicaid פראגראם?

ווען איר האט זיך איינגעגעבן פאר Medicaid, האט איר אונז מעגליך געגעבן אינפארמאציע איבער אייער געזונט. ווען אייערע דאקטוירים, קליניקס, שפיטעלער, מענעדזשד קעיר פלענער און אנדערע העלט קעיר פראוויידערס שיקן אריין קלאגעס פאר באצאלונגען, באקומען מיר אויך אינפארמאציע איבער אייער געזונטהייט, באהאנדלונגען, און מעדיצינען.

## וויאזוי קען די ניו יארק Medicaid פראגראם נוצן און מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע?

מיר מוזן מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע ווען:

- **איר אדער אייער פארשטייער בעט צו באקומען אייער העלט אינפארמאציע.**
- **רעגירונגס אגענטורן בעטן צו באקומען די אינפארמאציע ווי ערלויבט דורך די געזעץ אזוויי ביי אודיטס.**
- **דאס געזעץ באפעלט אונז צו מיטטיילן אייער אינפארמאציע.**

אין אייער Medicaid אפליקאציע, האט איר געגעבן פאר ניו יארק Medicaid פראגראם די רעכט צו נוצן און מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע כדי צו קענען צאלן פאר אייער העלט קעיר און אנפירן די פראגראם. צום ביישפיל, מיר נוצן און טיילן מיט אייער אינפארמאציע כדי צו:

- **באצאלן אייער דאקטער, שפיטאל, און/אדער העלט קעיר פראוויידער בילס.**
- **זיכער מאכן אז איר באקומט די בעסטע קוואליטעט העלט קעיר און אז די געזעצן און פאדערונגען ווערן אויסגעפאלגט.**

מיר קענען מעגליך איבערקוקן אייער העלט אינפארמאציע:

- **צו באשליסן אויב איר האט באקומען די ריכטיגע מעדיצינישע פראצעדור אדער העלט קעיר געצייג.**
- **פארבינדט זיך מיט אונז איבער וויכטיגע ענדערונגען אין אייער העלט בענעפיטן.**
- **מאכט זיכער אז איר זענט איינגעשריבן אין די ריכטיגע העלט פראגראם.**
- **נעמען געלט פון אנדערע אינשורענס פירמעס.**

- **צו באשליסן בארעכטיגונג אין Medicaid טייל D אדער אנדערע אינשורענס פראגראמען וועלכע קענען קאסטן ווייניגער פאר אייך.**

מיר קענען אויך מעגליך נוצן און מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע אונטער באגרעניצטע אומשטענדן צו:

- **שטודיע העלט קעיר.** מיר קענען קוקן אויף די העלט אינפארמאציע פון אנדערע מענטשן צו טרעפן וועגן אייך צו געבן בעסערע העלט קעיר.
- **אפהאלטן אדער ענטפערן אויף ערנסטע העלט אדער זיכערהייט פראבלעמען פאר אייך אדער אייער קאמיוניטי ווי ערלויבט דורך די פעדעראלע און סטעיט געזעץ.**

אייער געשריבענע ערלויבעניש איז פארלאנגט פאר אנדערע באנוצן און אנטפלעקונגען:

- **פסיכאטעראפיע מעלדונגען**
- **באנוץ און אנטפלעקונג פון באשיצט העלט אינפארמאציע פאר מארקעטינג צוועקן, אריינגערעכנט ביליגערע באהאנדלונג קאמיוניקאציעס**
- **אנטפלעקונגען וועלכע ווערן גערעכנט אלס א פארקויפונג פון אייער באשיצטע העלט אינפארמאציע.**

מיר מוזן האבן אייער געשריבענע ערלויבעניש צו נוצן אדער מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע פאר סיי וועלכע צוועק נישט אויסגערעכנט אין דעם מעלדונג אויסער אויב מיר זענען געפאדערט עס צו טון דורך די געזעצן וועלכע זענען גילטיג פאר אונז.

## וואס זענען אייערע רעכטן?

איר אדער אייער פארשטייער האט די רעכט צו:

- באקומען א פאפירענע קאפיע פון דעם מעלדונג.
- זען אדער באקומען א קאפיע פון אייער העלט אינפארמאציע. אויב אייער פארלאנג ווערט אפגעזאגט, האט איר די רעכט פאר אן איבערזיכט פונעם אפזאג.
- בעטן צו טוישן אייער העלט אינפארמאציע. מיר וועלן איבערקוקן אלע פארלאנגען, אבער מיר קענען נישט טוישן קיין בילס וועלכע ווערן געשיקט דורך אייער דאקטער, קליניק, שפיטאל אדער אנדערע העלט קעיר פראוויידער.
- בעט אז מיר זאלן באגרעניצן וויפיל מיר נוצן און טיילן מיט אייער אינפארמאציע. מיר וועלן איבערקוקן אלע פארלאנגען, אבער מיר מוזן נישט זיין איינשטימיג מיט וואס איר פרעגט אויסער ווי די געזעץ באפעלט דאס.
- בעט אונז זיך צו פארבינדן מיט אייך אין באדינג צו אייער העלט קעיר אינפארמאציע אויף פארשידענע וועגן (צום ביישפיל, איר קענט אונז בעטן צו שיקן אייער פאסט צו אן אנדערן אדרעס).
- בעט פאר ספעציעלע בויגנס וועלכע איר שרייבט אונטער וואס ערלויבט אונז צו מיטטיילן אייער העלט אינפארמאציע מיט די מענטשן וועמען איר ווילט. איר קענט צוריקציען אייער ערלויבעניש ווען איר ווילט, אזוי לאנג ווי די אינפארמאציע איז נאכנישט מיטגעטיילט געווארן.
- באקומען א ליסטע פון אלע וועלכע האבן באקומען אייער העלט אינפארמאציע. די ליסטע וועט נישט אריינרעכענען העלט אירפארמאציע וואס איר אדער אייער פארשטייער האט געבעטן, אינפארמאציע גענוצט צו אנפירן די ניו יארק Medicaid פראגראם אדער אינפארמאציע וואס געזעץ איינפארסירער טיילן אויס.
- געמאלדן ווערן איבער א בראך אין סיי וועלכע פון אייער אומפארזיכערטע באשיצט העלט אינפארמאציע.

זעט די ניו יארק סיטי יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע וועבזייטל פאר אן עלעקטראנישע קאפיע פון דעם

מעלדונג (https://www1.nyc.gov/assets/hra/downloads/pdf/services/micsa/privacy_notice.pdf).
איר קענט אויך באזוכן די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט וועבזייטל צו זען אן אנדערע ווערסיע (https://www.health.ny.gov/health_care/medicaid/program/hipaa/notepriveng.htm).

***איר וועט נישט ווערן באשטראפט פאר'ן ארייננעבן א קלאגע. אויב מיר טוישן די אינפארמאציע אויף דעם מעלדונג, וועלן מיר פארעפנטליכן די נייע ווערסיע אויף אונזער וועבזייטל אויף:**

(https://www1.nyc.gov/assets/hra/downloads/pdf/services/micsa/privacy_notice.pdf)

**האט איר א מעדיצינישע אדער גייסטישע געזונטהייט צושטאנד אדער פיזישע באגרעניצונג?** טוט די צושטאנד אייך פארשווערן צו פארשטיין די מעלדונג אדער טון וואס דער מעלדונג בעט? טוט די צושטאנד אייך פארשווערן צו באקומען אנדערע סערוויסעס ביי HRA? **מיר קענען אייך העלפן.** רופט אונז אויף 888-692-6116. איר קענט אויך בעטן הילף ווען איר באזוכט אן HRA אפיס. איר האט א רעכט צו פארלאנגען די סארט הילף לויט די געזעץ.